אין פשוטו של מקרא קען מען אבער דער גאנצער פירוש ניט זאגן:

אין פשש"מ לייגט זיך ניט צו זאגן אז וויבאלד זיי זיינען געווען צוטומעלט פון די טרדות מיט די חיות ובהמות, האבן זיי עובר געווען אויף א ציווי פון דעם אויבערשטן אז זיי זאלן ארויסגיין בסדר "אתה ואשתך ובניך ונשי בניך".

ונוסף לזה: נאך דערויף וואס די אנשים האבן פארענדיקט זייערע מלכאות האבן זיי געקענט צוריק ארייגגיין אין תיבה און צוווארטן אויף די נשים, אדער זיי צוהעלפן, בכדי דערנאך קענען מקיים זיין דער ציווי פון דעם אויבערשטן.

לח. אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו, שטעלט ער זיך (בלקוטי לוי"צ לזח"א ע' כט ואילך) אויף דעם וואס דער זהר (ח"א סז, א) איז מפרש דעם פסוק (תהלים כד, א) "לדוד מזמור לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה", אז "הארץ" גייט אויף ארץ ישראל וכו'.

וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס מ'האט גערעדט פריער (שיחת צום גדלי', וא"ו תשרי) בנוגע צו פירוש רש"י על פסוק זה, וואס ער טייטשט אויך אז "הארץ" איז דער "ארץ הידועה - ארץ ישראל" און "תבל ויושבי בה" גייט אויף שאר הארצות (ווי ער טייטשט אויך ווייטער אין זהר),

און עפ"ז טייטשט ער אויך דער פסוק שלאח"ז "כי הוא על ימים יסדה ועל נהרות יכוננה" - אז "ימים" גייען אויף די ז' ימים אין ארץ ישראל, און "נהרות" אויף די ד' נהרות לעבן ארץ ישראל, און אין די הערות וביאורים ותיקונים אויף מדרש תהלים עה"פ (וואס פון דארטן נעמט רש"י פירושו כדלקמן) איז מען מפרש וועלכע ימים און נהרות דאס זיינען.

וואס מ'דארף ניט זאגן אז דער מקור פון רש"י איז דער זהר, ווארום מ'געפינט דאס שוין אין מדרש תהלים, אין ירושלמי, און אין בבלי אין מסכת ב"ב.

אין דער הערה אויפן זהר איז דער טאטע אבער נאר מבאר כללות הענין, אבער ניט די פרטים שבזה, און די הוראה במעשה בפועל וואס מ'נעמט דערפון ארויס,

וכפי שיתבאר לקמן.

לט. מ'האט פריער גערעדט (סל"ה ואילך) אז בשעת נח איז ארויס פון תיבה האט ער מורא געהאט צו האבן קינדער טאמער עס וועט נאכאמאל זיין א חורבן העולם, און דערפאר האט ער משנה געווען אז ער איז ארויס פון תיבה אין דעם סדר "נח ובניו אשתו ונשי בניו" ניט ווי דער אויבערשטער האט אים אנגעזאגט.

וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

ווי קומט עס צו נח וואס "איש צדיק תמים הי'" אז בשעת דער אויבערשטער זאגט אים א ציווי "צא מן התיבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך" - זאל ער דאס ניט טאן, און מורא האבן און דאגה'ן?!

וואס הגם אז ס'איז אויך דא דער פירוש אין "איש צדיק תמים הי' בדורותיו" שלא לשבח - איז אבער בכלל ווען עס זיינען דא צוויי פירושים און איינער איז לשבח, דארף מען מלמד זכות זיין אויף יענעם און טייטשן לשבח.

ובפרט בנוגע צו נח, וואס דוקא דורך אים זיינען דא מענטשן כולל אויך אידן עד סוף כל הדורות, כולל אויך די וואס זיצן דא בא דער התוועדות!

ובפרט ע"פ המבואר אין המשך תער"ב (כנ"ל סכ"ד) אז "גם את נח באהבה זכרת"



הנחה פרטית בלתי מוגה

מיינט די "אהבה פנימית ועצמית" צו אלע נשמות ישראל, כולל אויך די וואס זיינען דא בא דער התוועדות, און וואס זיינען דא בכל מקום, במקום שני, ובמקום שלישי וכו',

[מ'זאגט בכוונה ניט דעם לשון במקום אחר - ווארום א איד געפינט זיך ניט במקום אחר, א איד געפינט זיך בכל מקום וואו ס'איז "הוא מקומו של עולם"].

דערפאר דארף מען זיכער טייטשן "איש צדיק תמים הי' בדורותיו" לשבח.

ונוסף לזה: אפילו דער פירוש שלא לשבח, אז "לפי דורו הי' צדיק ואילו הי' בדורו של אברהם לא הי' נחשב לכלום" - איז ניט לשבח בערך אנדערע דורות, ובפרט נאך מ"ת; אבער אין זיין דור איז ער געווען א צדיק.

איז ניט פארשטאנדיק כנ"ל: בשעת דער אויבערשטער האט אים אנגעזאגט א ציווי - ווי קומט עס אז ער האט גע'דאגה'ט און דאס ניט מקיים געווען?!

מ. די קשיא ווערט נאך שטארקער:

חזקי' האט געזען בנבואה אז פון אים וועט ארויסקומען מנשה - האט ער ניט געוואלט האבן צו טאן מיטן גאנצן ענין פון פו"ר, און דערפאר האט מען אים מעניש געווען ווי עס ווערט דערציילט אין מדרשים.

וואס בא חזקי' איז דאס געווען א דבר ברור אז פון אים וועט ארויסקומען מנשה, און אעפ"כ האט מען אים מעניש געווען פאר ניט וועלן האבן קינדער -

איז דאך במכ"ש וק"ו בנוגע צו נח'ן, וואס ער האט ניט געוואלט מקיים זיין ציווי ה' פון פו"ר מצד א ספק טאמער עס וועט נאכאמאל זיין א חורבן - איז דאס זיכער ניט געווען א ריכטיקע זאך צו טאן - איז ווי קומט עס אז ער זאל דאס טאן?!

מא. דער ביאור בזה קען מען זאגן אויף כמה אופנים, איינער פון זיי:

נח האט געוואוסט פון דעם ציווי "שופך דם האדם באדם", און ער האט פארשטאנען די טייערקייט פון א נפש, ובמילא פון פקו"נ און אפילו פון ספק פקו"נ,

און ער האט אויך ערשט געזען א מבול וואס האט אפגעווישט דער גאנצער מין האנושי פון די וועלט, און ניט נאר דער מין אנושי, נאר אויך מין החי, ביז אויך מין הצומח, ביז אז דאס האט אויך גע'פועל'ט אין דומם, ווי רש"י זאגט עה"פ (ו,יג) "והנני משחיתם את הארץ" - "את הארץ - עם הארץ, שאף ג' טפחים של עומק המחרישה נמוחו ונטשטשו" -

איז זעענדיק דאס אלץ און זעענדיק וואס האבן קינדער קען צוברענגען, און כל זמן אז ער האט ניט געוואוסט בודאות אז עס וועט ניט זיין נאך א מבול וואס וועט אלץ בטל מאכן - איז דאס ניט בגדר אנושי אז גלייך דער ערשטער זאך וועץ ער גייט ארויס פון תיבה, פאר טראכטן וועגן א צווייטע זאך, זאל ער ארויסגיין פון תיבה מיט אשתו, און האבן נאך קינדער!

אבער אעפ"כ האט דער אויבערשטער געזאגט נח אז דאס איז ניט דער דרך, און ער האט אים נאך צוויי מאל געזאגט אז עס דארף זיין "פרו ורבו ומלאו את הארץ" (ט, א. ח).

מב. וואס אפילו בנוגע צו די הוה אמינא און די טענה פון נח - איז דאס געווען פאר מ"ת, און אין א מצב וואו די גאנצע וועלט איז חרב געווארן (חוץ פון נח ובני ביתו);



הנחה פרטית בלתי מוגה

משא"כ אבער איצטער איז דאך נאך מ"ת און ס'איז דא א גאנצע וועלט, און מ'האט א ציווי אז מ'דארף האבן קינדער, "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", ואדרבה - דאס איז די ערשטע מצוה אין די תורה, וואס דאס באווייזט אויך אויף דער חשיבות שבדבר,

ובנוסף לזה האט מען דעם ציווי צו מחנך זיין קינדער - "ושננתם לבניך" און "למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט" - דארף מען דאך האבן קינדער צו מקיים זיין דעם ציווי -

דערפאר איז ניטא קיין ענין און קיין הוה אמינא אין ארייננגיין אין חשבונות און טאן פעולות שונות צו מונע זיין פון האבן קינדער וכו' וכו', ווי מ'טוט דאס היינט.

מג. און מ'דארף זיך ניט ארייננלאזן אין חשבונות וואו וועט מען געפינען מזון פאר נאך קינדער וכו' - ווי יעדער איד זאגט און גלויבט אז "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים",

וואס דאס גלויבט דאך יעדער איד, ווארום היינט איז ניט שייך דער ענין פון "מקטני אמונה" ווי ס'איז געווען בא נח'ן.

און דערפאר דארף מען זיך ניט ארייננמישן אין דעם אויבערשטן'ס חשבונות, וואו ער וועט געפינען מזון פאר נאך קינדער.

בנוגע צו זיך אליין און די קינדער וואס ער האט שוין פון פריער - האט ער ניט קיין ברירה, און וויבאלד אז "אדם לעמל יולד" הארעוועט ער אויף האבן אכילה ושתי'; בנוגע אבער צו אראפברענגען נאך א נשמה אין א גוף - דאס וויל ער ניט!

זאגט מען אים, כאמור, אז דאס איז דעם אויבערשטן'ס חשבון ווי צו שפייזן אלע קינדער אין דער וועלט - און ער דארף מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", און איבערלאזן אלע אנדערע חשבונות פאר דעם אויבערשטן.

מד. ובפרט בזמן זה, וואס מ'וויל דאך האבן די גאולה און וואס שנעלער -

זאגן רז"ל אז "אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שב(אוצר הקרוי) גוף".

איז דורך דערויף וואס א פאר-פאלק האבן ניט קיין קינד, און קינדער - האלטן זיי אפ משיח פון קומען ח"ו, און מ'האלט זיך אליין מיט אלע ששים ריבוא מישראל נוסף אויף נשים וטף, אז מ'זאל זיך מאטערן אין גלות! און מ'האלט אויך די שכינתא בגלותא!

וואס מצד דעם ענין ווערט נאכמער נתחזק פארוואס מ'זאל האבן קינדער, און אויפהערן געבן הסברות מיט טעמים וכו', און ארומגיין צוטומלט און זוכן וואס צו טאן.

מה. מ'דארף נאר האבן א בטחון חזק אין דעם אויבערשטן און מקיים זיין זיין ציווי פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

און דורך דערויף איז מען פארזיכערט אז עס וועט אלץ זיין מתוך שמחה, וואס שמחה איז פורץ גדר, און מתוך עונג,

וואס אע"פ אז אויף עונג שטייט ניט אז דאס איז פורץ גדר - איז אבער ידוע דער סיפור אין גמרא ווי תענוג האט גע'פועל'ט דער ענין פון פריצת גדר, ובהקדם:

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

אין חיי האדם זיינען דא כמה זמנים: ס'איז דא דער זמן הגידול, ווען ער וואקסט, וואס דאס איז בכלל אין ימי הבחרות, דערנאך איז דא דער זמן און גיל העמידה, וואס דעמולט האט ער אויפגעהערט וואקסן, ועאכו"כ אין דעם סיום פון שני העמידה.

אין גידול גופא איז שייך מערער דער ענין הגידול אין בשר ווי אין עצם האדם; און אין דערויף גופא איז שייך מערער גידול אין די ידים ווי אין די רגלים, אדער עכ"פ אין די רגלים ניט מערער ווי אין די ידים.

דערציילט די גמרא (גיטין נו, ב) אז בשעת אספסיינוס האט באקומען א שמועה טובה וואס האט ביי אים ארויסגעבראכט תענוג, האט עס גורם געווען אז דער עצם אין זיין רגל זאל גרעסער ווערן, און אזוי אויך ווען ער האט געהאט צער האט עס גורם געווען פארקערט, אז דער עצם זאל קלענער ווערן, ביז אז ער האט ניט געקענט אנטאן זיין מנעל,

וואס אספסיינוס איז דאך זיכער געווען אין דער סיום פון שני העמידה, ווי פארשטאנדיק דערפון וואס זיין זון טיטוס איז שוין דעמולט געווען אין די שני העמידה, און איז געווען א גאנצער אנפירער פון ארמיי, ווי די גמרא דערציילט דארטן, [אפילו אויב מ'וועט ניט וועלן גלויבן דאס וואס עס שטייט אין זייערע דברי הימים ווי אלט ער איז געווען],

און אעפ"כ האט דער ענין התענוג וואס איז ביי אים געווען נאר לרגע גורם געווען אז זיין עצם, ניט זיין בשר, אין זיין רגל, ניט אין זיין האנט, זאל גרעסער ווערן, ביז אז ער האט ניט געקענט אנטאן זיין מנעל!

וואס מה-דאך אז דאס איז אזוי געווען ביי איינער וואס איז ניט קיין מאמין אין דעם אויבערשטן, איז עאכו"כ אז דאס איז אזוי ביי איינעם וואס איז יע א מאמין אין דעם אויבערשטן, ובפרט ביי א איד, ובפרט אויב דאס איז א תענוג פארבונדן מיט קדושה, ובפרט מיט תומ"צ.

און דערפאר איז דער תענוג ושמחה וואס מ'וועט האבן דורך דערויף וואס מ'וועט מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", פורץ זיין אלע מדוה"ג, און אלע ענינים וואס מ'וועט דארפן האבן וועט דער מאן און אויך זיין פרוי האבן, אדער דער פרוי און אויך איר מאן האבן.

מו. און דערביי דארף מען אויך וויסן, אז אזוי ווי יעדער מצוה טוט אויף א פעולה אין וועלט, לדוגמא - מצות צדקה [וואס איז "שקולה כנגד כל המצוות"]טוט אויף אז עס זאל זיין "החיית נפש העני", עד"ז אויך די מצוה פון פו"ר טוט אויף א פעולה אין וועלט און א פעולה נפלאה:

דורך דעם וואס מ'איז מקיים מצוות פו"ר און מ'האט א קינד איז מען מגלה דער כח הא"ס אין וועלט. און דאס איז די איינציקע וועג צו מגלה זיין כח הא"ס אין וועלט!

און דערנאך בשעת ער איז מחנך דעם קינד (אדער קינדער) כדבעי, וועט דער קינד (ווען ער וועט אויסוואקסן) אויך האבן קינדער און מגלה זיין דער כח הא"ס אין וועלט, ביז אז די בני בנים וועלן אויך האבן קינדער און מגלה זיין דעם כח הא"ס אין וועלט, און אזוי עד סוף כל הדורות!

וואס דערפון קומט אויס אז דורך דערויף וואס ער איז מקיים איינמאל די מצוה אחת פון פו"ר, קומט דערפון ארויס מצוות עד סוף כל הדורות!

מז. פון כל הנ"ל איז פארשטאנדיק דער זכות גדול און גילוי גדול און חיוב גדול

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

אויף כאו"א צו מקיים זיין דער ציווי פון דעם אויבערשטן "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

און הגם אז נח האט געהאט א טענה פארוואס ניט צו מקיים זיין דער מצוה - איז אבער פון דארטן גאר א הוראה - ווארום דער אויבערשטער האט גלייך באווארנט נח'ן מיט נאך צוויי מאל איבער'חזר'ן דעם ציווי "פרו ורבו ומלאו את הארץ", אז ער (נח) איז ניט גערעכט מיט זיין טענה און חשבון, נאר ער דארף מקיים זיין דעם ציווי פון "פרו ורבו גו'".

און כאמור, דורך דערויף טוט מען א טובה פאר זיך, און מ'איז אויך פארזיכערט אז מ'וועט האבן אלע ענינים וואס מ'דארף האבן, און מ'וועט האבן א סאך נחת, ניט נאר וואס מ'טוט דורך דערויף א טובה דעם אויבערשטן און דער אויבערשטער האט דערפון נחת - "נייחא לעליונים" - נאר מ'האט אויך דער צווייטער "נח" - "נייחא לתחתונים", מנוחה און נחת אויך בגשמיות פאר זיך אליין.

מח. ואין כאן המקום להאריך בדבר מובן ופשוט - מ'דארף נאר נאכאמאל מעורר זיין וועגן דעם מצד דער גודל הענין בזה.

ובפרט איצטער וואס מ'דארף האבן די גאולה, אז "בן דוד" זאל קומען, דארף מען אויפטאן וואס שנעלער אז עס זאל זיין "יכלו כל הנשמות שבגוף".

און ווי די קינדער רופן און בעטן אז מ'וויל האבן משיח "נאו" (איצטער) און מ'וויל ניט ווארטן - איז טוט אילערע קינדער א טובה און ברענגט משיח צדקנו דורך דעם וואס "יכלו כל הנשמות שבגוף"!!!

און מ'טוט אין דעם בשמחה וטוב לבב, ומתוך טהרת המשפחה און אויך אין די אנדערע מבצעים, און דער עיקר - מ'האט בטחון אין דעם אויבערשטן אז אלס וועט זיין גוט, און כאמור לעיל, מ'האט דעקונג (ווי מ'זאגט במדינה זו) פון דעם אויבערשטן אויף דעם.

און דורך דערויף טוט מען אויף אז מ'גייט בקרוב ממש מקבל זיין פני משיח צדקנו, און זיי - די קינדער - גייען בראש, "הם הכירהו תחלה",

"בבנינו בבנותינו בנערינו ובזקנינו", "קהל גדול ישובו הנה".

צוה להילדים לנגן "ווי וואנט משיח נאו".

* * *

מט. שנה זו איז א שנת הקהל, ווי שוין גערעדט כמ"פ.

וואס דער ענין פון הקהל איז פארבונדן מיט שמחה - ווארום דעמולט פלעגן זיך דאך אלע אידן, "אנשים והנשים והטף", קומען צוזאמען, האט מען דאך דעמולט געזוען אידן וואס מ'האט שוין ניט געזען א זמן רב, אדער אפילו א זמן קצר, אבער ביחס צו די אהבה צווישן די צוויי (אדער מערער) אידן, איז דאס אזוי ווי א זמן רב וויבאלד אז אויך דעמולט האבן זיי געדארפט זיין צוזאמען - האט דער הקהל גע'פועל'ט אן ענין פון שמחה.

ובפרט אז הקהל איז געווען בזמן פון חג הסוכות, זמן <u>שמחתנו</u>, האט דאס גע'פועל'ט נאכמער שמחה.

ובפרט אז אין מקום איז מען דעמולט געווען אין ביהמ"ק, וואס אויף אים שטייט "וביום שמחת לבו זה בנין ביהמ"ק".



<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה - איז א זיכערע זאך אז דעמולט איז ניט שייך קיין ליצנות ח"ו, און אפילו ניט קיין בדיחותא, און אפילו ניט קיין מהיכי תיתי!

ויה"ר (כמדובר כמ"פ) אז פון דעם דיבור בזה זאל דאס ארויסקומען אין מעשה בפועל למטה מעשרה טפחים - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

יא. דער ענין פרטי ומיוחד פון שבת מברכים חודש כסלו בשנה זו איז, אז ער איז בכ"ז בחשון, און שבת פרשת חיי שרה.

דעם ענין מיוחד פון כ"ז חשון דארף מען ניט זוכן, כמדובר כמ"פ אז היינט זיינען שוין דא ספרים וואס פארשפארן די טירחא פון זוכן וואס עס האט פאסירט בכל יום. זיי קלייבן צוזאמען אלע ענינים וואס האבן פאסירט בכל יום ווי דאס שטייט אין תושבע"פ און תושבע"פ וכו׳, במילא איז בעזרתם גרינגער צו וויסן דעם ענין מיוחד פון כל יום ויום.

בנוגע צו כ"ז חשון שטייט בפירוש אין תושב"כ, אין פ׳ נח, וואס דעמולט האט פאסירט: "ובחודש השני בשבעה ועשרים יום לחודש יבשה הארץ" נאכן מבול. ווי רש"י ברענגט אראפ[45] די צוויי דיעות פון ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע, צי דאס רעדט זיך וועגן חדשי החורף אדער חדשי הקיץ, און די ערשטע דיעה וואס ער ברענגט איז דעת ר׳ אליעזר אז דאס רעדט זיך וועגן חדשי החורף, וואס די ערשטע דיעה וואס רש"י ברענגט אראפ איז נעענטער צו פשוטו של מקרא (כמדובר כמ"פ) - קומט אויס אז "בחודש[54] השני בשבעה ועשרים יום לחודש יבשה הארץ" רעדט זיך וועגן כ"ז חשון.

בראשון באחד לחודש איז געווען "חרבו המים מעל הארץ"[55] (וואס דערפאר איז די יונה וואס נח האט ארויסגעשיקט לפנ"ז - "ולא יספה שוב אליו עוד"[56]), און רש"י[55] טייטש אפ "חרבו - נעשה כמין טיט שקרמו פני׳ של מעלה"; אבער "יבשה הארץ", "נעשה גריד כהלכתה"[54], אז ס׳האט געקענט זיין ישוב העולם, איז געווען בכ"ז חשון.

- יעדער -

---

54) נח ח, יד. 55) שם, יג. 56) שם, יב.



SichosKodesh.com

יעדער ענין אין תורה, אויך סיפורי תורה, זיינען נצחיים, ווי דער ראגאטשאווער שרייבט[57], ביז (ווי ער שרייבט[58]) אז אפילו א זאך וואס שטייט אין תורה וועלכע איז דערנאך בטל געווארן (ווי שבועת משה ליתרו[59]) איז אויך א דבר נצחי. און דעריבער איז אין דעם דא א הוראה נצחית לכאו"א.

דארף מען פארשטיין וואס איז די הוראה נצחית פון דעם סיפור אז בכ"ז בחשון "יבשה הארץ" - לכאורה מאי דהוה הוה. וואס איז דאס נוגע בכ"ז חשון בכל שנה ושנה? און דאס דארף זיין מובן בפשטות אויך פאר אן איש פשוט.

יב. דער ביאור אין דעם:

ס'איז דא אמאל ווי א איד געפינט זיך אין א מצב פון דעם "מבול" בפשטות. ובפרט בשעת מ'איז אים מסביר וואס דער אלטער רבי איז מבאר אין תורה אור[60], און נאכמער בארוכה אין דעם המשך מים רבים פון דעם רבי'ן מהר"ש[61] (וואס השנה איז מאה שנה להסתלקותו), אז "מים רבים"[62] (מי המבול) זיינען די טרדות ודאגות הפרנסה והמחשבות שבעניני עוה"ז כו'. וואס כשם ווי מחשבה אין לה הפסק, אזוי זיינען די טרדות ודאגות ומחשבות באופן וואס אין להם הפסק, "מים רבים".

באמת דארף טאקע זיין דער "(וברכת ה"א) בכל אשר תעשה"[14], התעסקות בעניני פרנסה, אבער דאס דארף זיין באופן פון בלא לב ולב[63].

ביי אים איז אבער "מים רבים" - ער איז טרוד און פאר'דאגה'ט וועגן פרנסה, "מאין יבוא עזרי"[64], פון וואנעט וועט ער באקומען פרנסתו.

וואס הייסט פון וואנעט וועט ער באקומען פרנסתו?! ער איז דאך שוין נאך בר-מצוה, און נאך בן עשרים לרדוף[65], און כמה שנים לאח"ז, און ער איז חי וקיים, ער לעבט, און ער לעבט ניט אויף נסים, מוז זיין אז ער האט באקומען פרנסתו - איז וואס דאגה'ט ער

- איצטער?! -

---

57) מכתבי תורה מכתב צט. הובא בכללי התוהמ"צ ערך תורה. 58) צפע"נ עה"ת שמות ב, כא. מפענצ"פ פ"ה סי"ב. וש"נ. 59) שמות שם. נדרים סה, רע"א. שמו"ר פ"א, לג. פ"ה, ד. פרש"י עה"פ. 60) ר"פ נח. 61) בתחלתו. פ"ד. 62) שה"ש ח, ז. 63) ע"פ לשון הכתוב - דה"א יב, לג. וכפי' ויק"ר פכ"ה, ב. הובא בפרש"י עה"פ שם. 64) תהלים קכא, א. 65) אבות פ"ה מכ"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

איצטער?!

ואפילו ווען מ'באווייזט אים אז ער האט פון וואנעט צו באקומען פרנסתו און האט ניט וואס צו דאגה'ן - דאגה'ט ער ווי צו באקומען נאך מער פרנסה! ביז אז דאס איז ביי אים "מים רבים" - זיין מחשבה טראכט שטענדיק באופן פון לא ישקוט ווי צו באקומען מערער און מערער, און ער טוט אין דעם כל מיני תחבולות!

ביז אז אפילו בשעת לימוד התורה און בשעת התפלה טראכט ער וועגן דעם.

און דערנאך זיינען דא די וואס טוען דאס גאר אן אין א זיידענער זופיצע, און בא זיי איז דא דער איינרעדעניש אז זיי ליגן אזויפיל אין פרנסה בכדי זיי זאלן קענען געבן מערער צדקה, און דורך דעם מאכן א דירה לו ית' בתחתונים!

ווילסט מאכן א דירה לו ית' בתחתונים? לערנסט דאך איצטער תורה, דאווונסט דאך איצטער צום אויבערשטן, מאכסטו דורך דעם א דירה בתחתונים - איז וואס טראכסטו בשעת מעשה וועגן פרנסה?!

טענה'ט ער, אז די כוונה איז צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים אין עניני מסחר ופרנסה!

זאגט מען אים, אז ס'איז דא אין דעם א סדר: פריער דארף זיין הליכה לביהכנ"ס, און דערנאך מביהכנ"ס לביהמ"ד[66], און דערנאך "הנהג בהם מנהג דרך ארץ"[67], און דוקא דעמולט דארף מען טאן אין מסחר און אין דעם מאכן א דירה לו ית' בתחתונים. אבער לפנ"ז דארף מען דאווונען און לערנען און בשעת מעשה ניט טראכטן וועגן מסחר ופרנסה.

תכונת נפשו איז אבער אז ער איז אן איש חפזון, ער איילט זיך, ביז אן קיינע הגבלות, און שוין באמצע התפלה ובאמצע לימוד התורה טראכט ער וועגן עניני מסחר. אין מיטן דאווונען טראכט ער וועגן האלץ! היפך דער סיפור הידוע וועגן איינעם פון די חסידים הראשונים.

ביז אז גלייך ווי ער כאפט זיך אויף פון שלאף, נאך איידער ער זאגט "מודה אני", טראכט ער וועגן די

- עניני -

---

66) ברכות בסופה. 67) שם לה, ב.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com

עניני מסחר!

ביז אז ער טוט ניט בלויז אנדערש ווי זיין יצר טוב וויל, נאר אויך ניט ווי זיין יצר הרע וויל: מצד זיין יצה"ר קען ערווארטן ביז נאך אמירת "מודה אני" און דעמולט טראכטן וועגן די ענינים, אבער ער טראכט שוין וועגן דעם גלייך ווי כאפט זיך אויף פון שלאף, נאך פאר "מודה אני", וואס דאס וויל אפילו ניט זיין יצה"ר!

מ'רעדט וועגן דער הוראה פון דעם רבי'ן מהר"ש[68] אז ס'דארף זיין מלכתחילה אריבער איך קדושה, און ביי אים איז פונקט פארקערט - מלכתחילה אריבער איך לעו"ז! ער שלעפט זיין יצה"ר נידעריקער ווי דער יצה"ר וויל!

באלד ווי ער כאפט זיך אויף פון שלאף קען ער זיך ניט איינהאלטן און גלייך טראכט ער וועגן זיינע עניני מסחר.

ווארום "מודה אני" איז היפך תכונתו, איז בשעת ער כאפט זיך אויף פון שלאף קען ער ניט זאגן גלייך "מודה אני", נאר אזוי ווי ער האט זיך ערשט אויפגעכאפט פון שלאף, האט זיך ערשט אומגעקערט זיין מחשבה (בגלוי), האט זיך אומגעקערט זיין טראכטן וועגן שווינדלעריי - טראכט ער גלייך ווי ער וועט שווינדלען און דרייען; ס'פאלט אים איין א נייע המצאה ווי צו מאכן מער געלט וכו'. און ערשט דערנאך קען ער זאגן "מודה אני" און דאנקען דעם אויבערשטן פאר דעם וואס ער האט אים געגעבן די כחות!

ר"ל - ער שלעפט אריין זיין יצה"ר אין שאול תחתית!

וכאמור, זיין יצה"ר קען ווארטן מיטן טראכטן וועגן די ענינים נאך עטלעכע רגעים ביז נאך דעם ווי ער וועט זאגן "מודה אני" וואס "מודה אני" איז סך-הכל געציילטע ווערטער, נעמט עס עטלעכע רגעים צו זאגן. ובפרט אז ער האלט ניט דעמולט בא כוונות; קען ער זיך ניט איינהאלטן און מוז גלייך ווי ער כאפט זיך אויף פון שלאף, נאך פאר "מודה אני", טראכטן וועגן מסחר.

ואין להאריך בדבר המצער והמבהיל.

- עכ"פ -

-----------

68) הובא באגרות קודש - אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז. לקו"ש ח"א ע' 124. ובכ"מ.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

עכ"פ - ביי אים איז "מים רבים", ער ליגט אין מבול, ער איז טרוד מיט דאגות ומחשבות הפרנסה ועוה"ז.

יג. קען ער דאך ארייננפאלן אין יאוש: ער ליגט דאך אין מבול, "מים רבים", שוין א משך זמן, ביז ווי דאס איז געווען בפשטות - איז דער מבול געווען א גאנצן יאר, און ניט נאר א שנת לבנה, נאר נאך י"א יום, א שנת החמה - קען ער ארייננפאלן אין יאוש, אז ער ליגט שוין אזוי לאנג אין טרדות ודאגות הפרנסה, קען ער פון דעם ניט ארויסגיין.

אדער לאידך גיסא: ער קען טראכטן - היות אז כבר עבר ושנה בה איז הותרה לו!

איי דאס איז נאר א קס"ד אין גמרא[69] (אז הותרה לו), אבער מסקנת הגמרא איז אז בלויז "נעשית לו כהיתר" (מיט א כ"ף הדמיון) - טענה'ט ער אז איז ניט אזא גרויסער למדן אז ער דארף וויסן אויך מסקנת הגמרא. ס'איז אים גענוג א קס"ד אין גמרא! וואס אויך א קס"ד אין תורה איז געגעבן געווארן למשה בסיני, און א דבר שבטפשות וואלט ניט געשטאנען אין תורה אפילו בתור קס"ד ר"ל כביכול, איז היות אז ס'איז א קס"ד אין תורה אז עבר ושנה הותרה לו - איז דאס אים גענוג!

אויף דעם קומט די הוראה פון כ"ז חשון, ווען "יבשה הארץ" - אז ס'דארף זיך ענדיקן דער מבול, די "מים רבים" פון דאגות וטרדות ומחשבות הפרנסה ועוה"ז - דלאי, דלאי גלות, דלאי מבול!

און אפילו אויב ס'איז שוין דורכגעגאנגען א גאנצער יאר, א שנת הלבנה און א שנת החמה - איז דערנאך "יבשה הארץ", ס'ענדיקט זיך דער מבול.

יד. נאך א הוראה פון כ"ז חשון - פון דעם ענין וואס דעמולט איז אויך געווען (וויבאלד אז "יבשה הארץ") דער ציווי הקב"ה לנח נאך דעם ווי נח ובני ביתו און אלע חיות כו' זיינען געווען אין תיבה במשך א גאנצן יאר "צא מן התיבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך, כל החי' אשר אתך מכל בשר בעוף ובבהמה ובכל הרמש הרומש על הארץ הוצא אתך ושרצו בארץ ופרו ורבו על הארץ"[70]:



---

69) יומא פו, ב. 70) נח ח, טז-יז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

עס קען זיין א מציאות אז איינער געפינט זיך אין "תיבת נח" - ער לערנט חסידות, און די השכלה פון חסידות, און ליגט אין דעם, און ער מיינט אז ער פארשטייט אין דעם, און ער ברענגט ראיות אז ער פארשטייט וכו', און ס'קען זיין אז ס'איז טאקע אזוי - קען ער טענה'ן:

וואס מאנט מען פון אים אז ס'זאל זיין יפוצו מעינותיך חוצה - ער ליגט דאך אין די מעיינות אליין, און ער איז קיין מאל ניט געגאנגען אין חוצה - איז וואס דארף ער גיין אין חוצה, וואס דארף ער ארויסגיין פון תיבת נח?!

ביי אים איז דאס משיח'ס צייטן, און אפשר איז טאקע אזוי, בדוגמא ווי ס'איז געווען בתיבת נח, כמבואר אין חסידות[71] (און אין די מאמרים פון רבי'ן מהר"ש[72]) אז אין תיבה איז געווען בדוגמא ווי דער מצב פון "וגר זאב עם כבש גו'"[73] דלע"ל - איז צוליב וואס דארף ער ארויסגיין פון תיבה?!

וואס דארף ער האבן דעם ילמד תורה מפיו של משיח לע"ל - ער לערנט דאך איצטער די מאמרים פון נשיא דורינו?!

צוליב וואס דארף ער ארויסגיין פון תיבה, ער קען דארטן בלייבן און דארטן וועט אים זיין אלץ גוט,

בדוגמא ווי ס'וועט זיין לע"ל, ווי ס'איז געווען בא נח'ן אין תיבה, אז ער האט דארטן ניט געדארפט אנקומען צו זורע חורש וקוצר און צו די אלע ל"ט מלאכות, און די מלאכות פארבונדן מיט סידורא דפת[74], ער האט בלויז געדארפט צושטעלן עסן צו אלע חיות בעתם ובזמנם.

ובפרט נאך אז נאך דער יציאה מן התיבה וועט זיין א ירידה בעולם, און דערפאר וועט דעמולט זיין הותרה אכילת בשר[75], ווי גערעדט אמאל בארוכה[76].

- און -

---

71) מאמרי אדה"ז - אתהלך לאזניא ע' נז ואילך. אוה"ת נח (כרך ג) תרכח, א. תרסט א ואילך. ועוד. 72) המשך מים רבים תרל"ו פפ"ב (ע' פה). המשך וככה תרל"ז פצ"ה ואילך (ע' קנב ואילך). 73) ישעי' יא, ו. 74) שבת עד, ב. 75) נח ט, ג. 76) ראה לקו"ש בראשית ש.ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

און דאס וואס מ׳מאנט פון אים אז ער זאל טאן אויך מיט חלקו שבעולם - זיינען דאך אין תיבה געווען אלע חיות און בהמות און עוף השמים, ביז אויך נחשים ועקרבים, און אויך כל הצומח[77], און בא זיי אלע איז געווען בדוגמת המצב דלע"ל, "וגר זאב עם כבש" - האט ער דאך יוצא געווען אויך מיט חלקו שבעולם, איז צוליב וואס דארף ער ארויסגיין פון תיבה?! וואס האט ער צו ארויסגיין אין עולם - בשעת ער שטייט למעלה מן העולם, בדרגת "אלה תולדות פרץ"[78] (וואס וועט זיין לע"ל) וואס איז העכער פאר "אלה תולדות השמים והארץ בהבראם"[79].

טז. אויף דעם האט מען די הוראה פון כ"ז חשון - אז ס׳דארף זיין "צא מן התיבה אתה ואשתך ובניך גו׳ כל החי׳ אשר אתך מכל בשר בעוף ובבהמה ובכל הרמש גו׳ היצא אתך גו׳".

מ׳קען מיינען אז אין תיבה האט מען משיח׳ן, און ס׳איז משיח׳ס צייטן, און ס׳קען זיין אז ס׳איז טאקע אזוי - אבער די כוונה איז אז מ׳זאל ארויסגיין פון תיבה אין וועלט און דארטן אויפמאכן ישובו של עולם ותיקונו של עולם.

קען מען דאך מיינען אז ס׳איז מספיק אז ער אליין זאל ארויסגיין פון תיבה אין עולם בכדי אויפטאן אין עולם, אדער עכ"פ אז ער זאל ארויסגיין צוזאמען מיט אשתך ובניך ונשי בניך אתך בכדי זיי זאלן אים ארויסהעלפן אין אויפטאן בעולם - אבער צוליב וואס דארף אויך זיין "היצא אתך" "כל החי׳ אשר אתך מכל בשר בעוף ובבהמה ובכל הרמש הרומש על הארץ", כולל אויך נחשים ועקרבים, וואס בשעת די נחשים ועקרבים גייען ארויס בעולם זעט מען וואס פון זיי ווערט - נחשים ועקרבים כפשוטם - איז וואס דארף ער אויך זיי מוציא זיין מן התיבה?!

אעפ"כ זאגט מען אים, אז אויך זיי דארפן ארויסגיין מן התיבה אין וועלט, ווייל דאס איז די כוונה, און דוקא דעמולט איז "עולם חדש ראה"[80],

- אן -

---

77) ראה תנחומא (באבער) נח כ. ב"ר פל"א, יד (וראה יפה תואר לב"ר שם). 78) רות ד, יח. ב"ר פי"ב, ו. 79) בראשית ב, ד. ב"ר שם. 80) ב"ר פ"ל, ח.



SichosKodesh.com

אן עולם חדש, העכער ניט נאר לגבי עולם קודם המבול, נאר אויך העכער פארן מצב ווי ס'איז געווען אין תיבה!

דוקא דורך ארויסגיין אין וועלט און דארטן מאכן ישוב העולם ותיקון העולם, טוט מען אויף "אלה תולדות פרץ", המשכת בל"ג אין וועלט.

ווי דאס איז געווען בא נח בפשטות, אז בשעת ער איז געווען אין תיבה איז געווען א הגבלה בענין התשמיש[81], פרו ורבו, און דוקא ווען ער איז ארויס פון תיבה האט ער באקומען דעם ציווי מחדש פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ"[82] (כאטש אויך לפנ"ז איז געווען דער זעלבער ציווי צו אדם הראשון[83]). וואס פרו ורבו איז דער כח הבל"ג וואס איז דא למטה[84].

און דער ענין פון המשכת הבל"ג איז ניט נאר געווען בא נח'ן אליין, נאר ער האט עס אויך ממשיך געווען בעולם, דורך דעם וואס ער האט מקריב געווען די קרבנות, און "וירח ה' את ריח ניחוח" איז געווען "ויאמר ה' גו' לא אוסיף וגו'"[85], "עוד כל ימי הארץ זרע וקציר גו' לא ישבותו"[86], וואס "לא ישבותו" איז דער ענין הנצחיות, בל"ג, כמבואר אין חסידות[87], אז אין זמן גופא האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון למעלה מן הזמן, נצחיות.

משא"כ אין תיבה איז דארטן טאקע געווען "גר זאב עם כבש" בדוגמא דלע"ל, אבער דאס איז געווען מיט א מדידה והגבלה: די תיבה איז געווען מדודה ומוגבלת אין א געוויסן אורך און רוחב און קומה, לא פחות ולא יותר; און דארטן איז געווען די הגבלה בענין התשמיש, כנ"ל.

דוקא דערנאך ווען מ'איז ארויס פון תיבה אין וועלט האט זיך אויפגעטאן דער ענין הבל"ג, "אלה תולדות פרץ", "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה"[88].

יז. וואס דאס איז די הוראה פון כ"ז חשון בנוגע צו



---

81) פרש"י עה"פ נח ו, יח. 82) שם ט, א. 83) בראשית א, כח. 84) ראה בארוכה ד"ה שמח תשמח תו"נ"ז. 85) נח ח, כא. 86) שם, כד. 87) ראה רד"ה החודש תרס"ו (המשך תרס"ו ע' קנו), תרע"ח (סה"מ תרע"ח ע' רכה). 88) ויצא כח, יד.

הנחת הת' בלתי מוגה

די וואס האלטן בקצה הכי עליון, בנוסף צו דער הוראה פון כ"ז חשון פאר די וואס האלטן בקצה הכי תחתון, הטרודים בדאגות הפרנסה (כנ"ל סי"ב ואילך).

און דיביידע הוראות זיינען שייך צו אלע אידן, ווייל ס'איז דא א ריבוי אידן, און אין דיעותיהן שוות[89], זיינען זיכער דא צווישן זיי אזוינע השייכים לקצה הכי עליון און השייכים לקצה הכי תחתון.

וואס אייגנטלעך זיינען די ביידע הוראות פאר כאו"א מישראל:

ס'איז לא ימלט אז עכ"פ איין רגע ביום זאל יעדער איד האלטן בא דעם קצה הכי עליון, אז ער געפינט זיך אין "תיבת נח" און ביי אים איז משיח'ס צייטן.

וכידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז כשם ווי מ'טאר ניט רעדן לה"ר אויף א צווייטן, טאר מען ניט רעדן לה"ר אויף זיך אליין, און מ'דארף אויך וויסן די אייגענע מעלות.

איז אויף דעם די הוראה, אז ס'דארף זיין צא מן התיבה און ארויסנעמען אלע ענינים פון תיבה וכו'.

לאידך גיסא איז אויך דער קצה הכי תחתון דא בא כאו"א, לפי ערכו ולפי דרגתו - איז אויף דעם די הוראה אז "יבשה הארץ", און דער מבול ("מים רבים") דארף זיך ענדיקן.

יח. דער צווייטער ענין פרטי ומיוחד בשבת זה איז, שבת פרשת חיי שרה. וואס אויך דערפון דארף זיין א הוראה בעבודה:

דער נאמען פון דער פרשה איז "חיי שרה". וואס "חיי שרה" באשטייט טאקע פון א ריבוי שנים, "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה", אבער דער נאמען פון דער פרשה איז ווי אלע שנים ווערן נכלל אין איין כלל - "חיי שרה".

ולכאורה איז דאס ניט מובן:

די אלע יארן פון שרה זיינען דאך באזונדערע יארן אין וועלכע עס האבען פאסירט פארשידענע ענינים - היינט ווי איז מען זיי אלע כולל אין אייןווארט -

- "חיי -

------------

89) ראה ברכות נח, רע"א. סנהדרין לח, א. ועוד.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

SichosKodesh.com